# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

וישב-חנוכה
תשפ"א לפ"ק
גליון קמ"ב



## פראגע

**פארוואס דערמאנען מיר אין על הנסים "רשעים ביד צדיקים"? איז דען נישט דער נס אז ס'איז געווען "רבים ביד מעטים"?**

## ענטפער:

לייגט צו קאפ. צוויי זאכן ווערן דערמאנט אין על הנסים. איינס איז דער נס פון "רבים ביד מעטים", אז אסאך זענען אריינגעפאלן אין די הענט פון ווייניג. דאס איז א נס. נאך אלעם האבן די יונים געהאט א גרויסע, שטארקע ארמיי, און די אידן האבן בכלל נישט געהאט קיין ארמיי. ס'איז א נס. א נס פון "גבורים ביד חלשים" און "רבים ביד מעטים."

אבער דער צווייטער נס איז אז נישט נאר זענען די רשעים באזיגט געווארן, נאר עס איז געווען אויף אן אופן וואס גיבט צו א געשמאק און הנאה דערצו, אז זיי זענען באזיגט געווארן דורך צדיקים. די רשעים זענען באזיגט געווארן דורך צדיקים. דאס איז אן אויסטערלישע קידוש השם!

קוקט, ווען א רשע גייט אויפ'ן גאס און ער פאלט אראפ טויט, ברוך ד'. מיר זאגן, ברוך ד', כן ירבו! אבער לאמיר זאגן אז א רשע הייבט זיך אן מיט א צדיק. ער הייבט זיך אן מיט א קליין-דארטשיג, חסיד'ישער בחור'ל. און דער קליינער בחור'ל נעמט זיין פויסט און גיבט דעם רשע א זעץ, און דער רשע פאלט אראפ טויט. דאס איז א קידוש ד'. עס איז רשעים ביד צדיקים. ס'איז א ספעציעלע שמחה!

במילא איז קודם דער נס פון רבים ביד מעטים, און די אנדערע נס איז אז די **צדיקים האבן געהאט הצלחה**. מיר ווילן זען ווי צדיקים זענען מצליח אויף דער וועלט. און דערפאר זאגן מיר "וזדים ביד עוסקי תורתיך", אז די זינדיגע זענען געפאלן אין די הענט פון די וועלכע לערנען תורה, ווייל עס איז א געוואלדיגע שמחה צו זען ווי צדיקים געווינען אויף דער וועלט. (E-211)

## פראגע

**איז א פראבלעם צו עסן צוקערלעך, קוכן, דאונאטס, און אזעלכע סארט זאכן?**

## ענטפער:

דער רמב"ם און הלכות דעות שרייבט אז א קלוגער מענטש עסט נאר וואס איז געזונט פאר אים, וואס האט א תועלת. ער זאגט "לא יאכל כל שהחיך מתאוה כמו הכלב והחמור" - עס נישט בלויז זאכן וואס די גומען גלוסטן אזוי ווי א הונט און א אייזל טוען." (הלכות דעות ג:ב) דו ביזט נישט קיין בהמה וואס עסט נאר זאכן וואס שפירט זיך געשמאק צו עסן. "אלא יאכל דברים המועילים לו" - עס זאכן וואס זענען בענעפיטבאר פאר דיר.

זעען מיר אז נאכגיין די תאוות איז א טפשות. אזוי ווי אן אייזל אדער א הונט. יעצט, דארפן מיר ארויסזאגן אז צוקערלעך און קוכן זענען שלעכט צו עסן?

הער, אסאך מאל איז עס נישט שלעכט. אסאך מאל זענען מענטשן אנידערגעשלאגן און זיי דארפן עפעס זאל זיי אויפהייבן; און דאן איז רעקאמענדירט צו נעמען א נאש, און זיי זאלן אביסל הנאה האבן פונעם לעבן מער ווי אינעם נארמאלן רוטין. יא, אסאך מאל קען מען טון זאכן וואס זענען נישט שלעכט צו טון, אבער זענען נישט רעקאמענדירט, אבער מען טוט עס כדי זיך אביסל צו אויפפרישן די גייסט.

אבער געווענליך, זאכן וואס זענען פול מיט צוקער וועלן אייך פארדארבן די ציין, חוץ אויב איר בראשט אייערע ציין נאכן זיי ענדיגן עסן. און אסאך מאל נעמען זיי אויף די פלאץ פון די נארהאפטיגע עסן וואס איר וואלט געדארפט ווען עסן, און דערפאר איז נישט קלוג פאר א מענטש צו פארפאטשקען זיינע כוחות אויף נאשעריי.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

סיי-וויאזוי, מיר גייען נישט זאגן אז מען טאר נישט עסן קיין צוקערלעך און קוכן. עס וואלט געווען נאריש פאר סיי-וועם צו מאכן אזא כלל. אסאך מאל איז וויכטיג א קענדי אדער א שטיקל קעיק צו געבן א לעב אויף. און פאר פריילעכע געשעענישן, אסאך מאל קען מען נוצן די זאכן אויפצולעבן מענטשן פאר אביסל מער פריילעכקייט. דערפאר, דארף עס האבן אנווייזונגען. אבער קלוגער איז דער מענטש וואס וועלט אויס א דיעטע וואס איז געזונט און נארהאפטיג. נישט ארגעניק און ספעציעלע 'העלט פודס'; איך ווייס גארנישט נישט דערוועגן. אבער שפייז וואס זענען געזונט און נארהאפטיג, און וואס מענטשן קענען ארויסנעמען די מערסטע בענעפיטן דערפון. דאס איז וואס א קלוגער מענטש זאל עסן. איר דארפט נישט איך זאל עס אייך זאגן; איר ווייסט עס אליינס. (627)

## פראגע

**דער רב האט גערעדט פריער וועגן "קל נקמות ה'" – אז דעם אויבערשטנ'ס מדה איז צו זיין א קל קנוא ונוקם. אלזא, אויב ווער איך א מקנא ונוקם, איז עס נישט קיין גוטע וועג פון נאכמאכן השי"ת?**

## ענטפער:

איך וועל אייך זאגן. אויב לאמיר זאגן איר וועט ארויסגיין פון דא היינט נאכט, און זען ווי עמיצער פרובירט צו בארויבן אן אומשולדיגן מענטש. און פערצופאל זענט איר גוט באוואפנט; דו טראגסט מיט זיך א מעסער. דו ביסט שטארק און דו קענסט קאראטי, און דו ווייסט אז דו קענסט ראטעווען דעם מענטש. זאלסטו אויך זיין גערעגט! מאך נאך דעם אויבערשטן! דער אויבערשטער איז גערעגט קעגן שלעכטס, אזוי זאלסטו אויך זיין גערעגט ווען דו זעהסט שלעכטס. טאנץ אריין און ראטעווע דעם אומשולדיגן מענטש פון דעם רשע. אין אזא פאל האסטו א רעכט צו זיין א קנוא ונוקם.

דו האסט א רעכט צו ברענען פאר כעס קעגן די ליבעראלן, קעגן רשעים, קעגן בעלי תועבה, קעגן מענטשן וואס רואינירן די יונגווארג אין די שולעס, זיי לערנען זיי אלע סארט נידריגע זאכן. דו האסט רעכט. דו האסט א רעכט צו זיין גערעגט קעגן די רשעים אין ארץ ישראל וועלכע פרובירן אריינצוברענגען רעפארם-גרים וואס זענען גוים גמורים און זיי געבן דעם סטאטוס פון פרומע אידן. יא, דו זאלסט נאכמאכן השי"ת און זיין גערעגט אויפ'ן ריכטיגן פלאץ.

אבער זיי נישט גערעגט קעגן דיינע אידישע ברודער. זיי נישט גערעגט קעגן דיין ווייב. זיי נישט גערעגט קעגן דיין טאטע און מאמע. זיי נישט קיין קנוא ונוקם קעגן דיין רבי. לערן ווען נאכצומאכן דעם אויבערשטנ'ס מדה פון חסד און ווען נאכצומאכן דעם אויבערשטנ'ס מדה פון קנא ונוקם.

אויסדרוקליך, מען דארף לערנען ווען צו נוצן די ביידע מדות. נקמה איז זייער גרויס ווען מען נוצט עס אויף איר ריכטיגן פלאץ. די גמרא זאגט עס (ברכות ל"ג ע"א). אבער אויף אן אומריכטיגן פלאץ, איז עס א שלעכטע מדה. "לא תקום ולא תטור את בני עמך" – דו זאלסט נישט נוצן די מדה פון נקמה קעגן דיין פאלק. דערפאר, אלע מדות פון הקב"ה דארף מען נאכמאכן – מען דארף נאר לערנען ווען און וויאזוי עס צו נוצן. (#606)

## פראגע

**וואס וויל דער אויבערשטער מיר זאלן זיין - חסיד'יש, ליטוויש, אדער עפעס אנדערש?**

## ענטפער:

דאס איז צו א גרויסע אונטערנעמונג פאר מיר. אירווילט איך זאל מיר שאפן שונאים?...

דער אויבערשטער וויל מיר זאלן זיין די בעסטע וואס מיר קענען זיין. געוויסע מענטשן קענען אנקומען די בעסטע אויב זיי זענען חסיד'יש. געוויסע קענען מאכן זייער בעסטע אויב זיי זענען ליטוויש. געוויסע קענען זיין זייער בעסטע אויב זיי זענען ספרד'יש. איר דארפט אליינס זען וואס עס וועט זיין פאר אייך די בעסטע. און איר דארפט באמת טראכטן דערוועגן.

און דערפאר איז עס אזוי ווי פרעגן – "וואס איז די בעסטע דיעטע פאר אלע מענטשן?" די בעסטע דיעטע ווענדט זיך אין יעדן יחיד. מענטשן זענען אנדערש. געוויסע מענטשן זענען אזוי ווייט אנדערש ווי אנדערע, אז זייער דיעטע מוז זיין אנדערש.

במילא, סיי וואס איר וועלט אויס, זאלט איר מאכן אייער ציל אין לעבן אייביג צו זיין די בעסטע, און אויסוועלן דאס וואס וועט אייך געבן די מערסטע הצלחה אין לעבן – און הצלחה אין לעב מיינט זיך ריכטיג צוצוגרייטן צו עולם הבא. (272)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!




## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב